בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא

תשפ"ד

340

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראַ פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


פַארְוָואס הָאט אֵיין קִינְד מֶער חֵן בַּיי מִיר וִוי אַנְדֶערֶע?...........................א
זָאל אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ שֶׁעם זִיךְ?...........................ד
זָאל אִיךְ שִׁיקְן אַ טֵייעֶרֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַאר מַיין בַּעַל הַבַּיִת?...........................ד
פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען מָרְדְכַי הַצַּדִיק בַּיי דִי מְגִילָה?...........................ו
אִיךְ הָאבּ פַארְפַאסְט שַׁבָּת שְׁקָלִים, וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט?...........................ט


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן וַוארְפְן דִי בַּאנַאנֶע שָׁאלֶעכְץ ...........................א
מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן אַן אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶעם קָאפּ...........................ג
פּוּרִים זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי ...........................ד
גֵיי וַוייטֶער הִתְבּוֹדְדוּת, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי הִינְט...........................ד
נָאר אַז מֶען אִיז צַייטְלִיךְ, קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין ...........................ה
וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר, פַאל אִיךְ מֶער אַרָאפּ...........................ו
הָאסְט אַ פֶעלְד בַּיי דַיין שְׁטוּבּ, נוּץ עֶס פַאר הִתְבּוֹדְדוּת ...........................ו
אַ מְלַמֵד דַארְף מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְן וָואס עֶר הֶערְט אוּן לֵיינְט...........................ז
אִיז דָא הַיינְט אַ צַדִיק וָואס קֶען מִיר בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?...........................ח
אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת שְׁקָלִים מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ...........................ט
דִי עֵצָה פוּן הָמָן אַרְבֶּעט נִישְׁט ...........................יד
אָפְּלָאזְן דֶעם 'אָרוּר הָמָן' אוּן וֶוערְן 'בָּרוּךְ מָרְדְכַי' ...........................יד
דִי לִימוּדִים פוּן מָרְדְכַי אוּן אֶסְתֵּר ...........................טז

פַארְכַאפְּט בַּיי וַשְׁתִּי ............ טז

זַייעֶר מַכִּיר טוֹב פַארְן זִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר דִי מוֹסָד ............ יז

בִּינְד צוּ דַיין הַאנְט אוּן קָאפּ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין ............ יז

דַיין וַוייבּ זָאל דִיר זַיין טֵייעֶר ............ יח

קוּמְט נִישְׁט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה צוּ מִיר אוּם פּוּרִים ............ יח

מְחַזֵק זַיין דִי בָּחוּרִים צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ ............ יט

יֶעדֶער אֲשֶׁר בְּשֵׁם הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְכֻנֶה זָאל טוּן פַאר הֲפָּצָה ............ כ

נֶעם צַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין שְׁטֶעטְל אוּם פּוּרִים ............ כא

מֶען קְלַאטְשְׁט בַּיי "הַמֶלֶךְ" פוּן דִי מְגִילָה ............ כא

מַחֲצִית הַשֶׁקֶל, הַאלְבּ אִיז אוֹיךְ גוּט ............ כב

דִי דְרֵיי עֶקֶעדִיגֶע הָמָן טַאשְׁן ............ כב

פּוּרִים אִיז מֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי ............ כג

דִי גֶעפִּיל וַוייטֶער מְסַיֵים זַיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנַיוֹת ............ כד

וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט טוּן פַאר דִי מוֹסָד? ............ כד

אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע קִינְדֶער אָן אַ שִׁיעוּר ............ כה

טוּן וָואס מֶער פַאר שִׁידוּכִים ............ כו

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ דַארְפְן זַיין אַלֵיין? ............ כז

הֶעלְף מִיר בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוֹיף פֶּסַח ............ כח

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר ............ כח

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה ............ כט

אֲשֶׁר בַּנַחַל אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וֶועלְן פַארְעֶנְטְפֶערְן אַלֶע סְפֵיקוֹת ............ ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס הָאט אֵיין קִינְד מֶער חֵן בַּיי מִיר וִוי אַנְדֶערֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל אַזוֹי סַאךְ שְׁרַייבְּן, אוּן אִיךְ מֵיין אַז טַאקֶע צוּלִיב דֶעם שְׁרַייב אִיךְ גָארְנִישְׁט, ווַייל אִיךְ ווִיל שְׁרַייבְּן לַאנְגֶע בְּרִיוְון אוּן אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן, וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שְׁרַייבְּן קוּרְץ.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אוּן אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל לִיב הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג; יֶעדֶער זָאל הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן, אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילוּק צְווִישְׁן אֵיין קִינְד אוּן צְוֵוייטְן, אִיךְ ווֵייס אַז קֵיינֶער וֶועט מִיר נִישְׁט קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן אוֹיף מַיין יֶעצְטִיגֶע שְׁאֵלָה, דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט שַׁארְפֶע דְרָשׁוֹת פַאר מְחַנְּכִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן מַאכְן אַ חִילוּק צְווִישְׁן אֵיין קִינְד אוּן אַן אַנְדֶערְן, פוּן אַ קִינְד מִיט חֵן אוּן אַ קִינְד אָן חֵן, לְמַעֲשֶׂה יֶעדֶעס יָאר בְּלַייבּ אִיךְ שְׁטֶעקְן מִיט דֶעם זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם; אַ קִינְד וָואס הָאט אַ שֵׁיין פָּנִים, עֶר אִיז קְלוּג אוּן גֶעפִילִישׁ, הוֹיבְּט מַיין הַארְץ אָן צִיעֶן צוּ אִים, אִיךְ ווִיל שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, רֶעדְן צוּ אִים, אִים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אַ קְלֵיין קִינְד פוּן פִיר יָאר אַלְט, בִּשְׁעַתְ'ן שְׁרַייבְּן טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר ווִי נַארִישׁ דָאס אִיז, אָבֶּער אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ צוּרִיק ווִי פַאר אַפָּאר שָׁעָה צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעגְלֶעט אַזַא סָארְט אִינְגְל.

וָואס אִיז מִיט דֶעם נוֹשֵׂא, אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם? אָדֶער ווִי לַאנְג אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט אַלֶע קִינְדֶער, נָאר מִיט דֶעם קִינְד מֶער ווִי אַנְדֶערֶע, אוּן אִיךְ בַּא'עַוְלֶ'ה נִישְׁט קֵיינֶעם

צוּלִיב דֶעם קִינְד, אִיךְ מַאךְ אִים נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ אִין קְלַאס, נָאר בַּיי רִיסֶעס קֶען אִיךְ אִים צוּרוּפְן (עֶר קוּמְט מְמֵילָא נֶעבְּן מַיין טִישׁ, ווַייל עֶר אִיז גֶעזוּנְט אִין נַאטוּר עֶר ווִיל רֶעדְן צוּ מִיר); זָאל אִיךְ עֶס לָאזְן לוֹיפְן אַזוֹי ווִי עֶס גֵייט בִּיז אַהֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ז אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווּאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד אוּן דוּ מַאכְסְט נִישְׁט קַיין אוֹיסְנַאם, דוּ בַּאגֵייסְט זִיךְ אֵיינִיג מִיט אַלֶע קִינְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ אוּן אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֵיין אַ רֶעגְן, אוּן זַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, הָאט אִים רַב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ דִי זְכִי׳ אַז דַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען?" זָאגְט עֶר: "מִקְרֵי דַרְדְּקֵי אָנָא וּמַקְרֵינָא לִבְנֵי עַנְיֵי כִּבְנֵי עַתִּירֵי", אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן קִינְדֶער פוּן רַייכֶע עֶלְטֶערְן אוּן קִינְדֶער פוּן אָרֶעמֶע עֶלְטֶערְן, עַיֵּין שָׁם; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילוּק צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ דִי בַּא׳חֵנְ׳טֶע קִינְדֶער וְכוּ׳; פַארְוָואס זָאגְסְטוּ בִּיסְט אַ קִינְד פוּן פִיר יָאר? פַארְוָואס קְלַאפְּסְטוּ זִיךְ אַרָאפּ? דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, אַז מֶען הָאט אַ גֶעפִּיל פַּאר קִינְדֶער וָואס הָאבְּן חֵן - אִיז מֶען נִישְׁט קַיין קִינְד, דָאס אִיז דֶער נַאטוּר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, חֵן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל עֶנְדֶערְשׁ רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ מִיט חֵן ווִי מִיט אֵיינֶער אָן חֵן.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט קְלֵיין, גֵיי אָן מִיט דִי מְלוּמְדוֹת, אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ מְלַמֵּד, אִין הִימְל קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אַ מְלַמֵּד ווִי מֶען קוּקְט דָא, אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע זַאךְ, בִּפְרַט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער אוּן לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ מִצְוֹת; דוּרְךְ זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים. עֶס אִיז בַּאוְוִיסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט מוּסָר, צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָאל אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ שֶׁעם זִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל גֵיין אִין מִקְוֶה, אָבֶער אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ גֵיין אָן קְלֵיידֶער, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אִיךְ גֵיי אִין שׁוֹיעֶר וָואס דָארְט קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְדֶעקְן מִיט אַ הַאנְטוּךְ, וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה, אוּן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען צוּ גֵיין אוֹיסְגֶעטוּן אָן קְלֵיידֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אִין מִקְוֶה אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט (דִבְרֵי אַהֲרֹן, קַארְלִין): "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע

נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען - קֶען קַיין שׁוּם אַנְדֶערע מִצְוָה צוּבְּרֶענְגֶען".

צַדִיקִים הָאבְּן גֶעבְּרָאכְן אַייז אִין דִי בִּיטֶערֶע פְרֶעסְטְן צוּ קֶענֶען זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה, מִיר דַארְפְן צֶעבְּרֶעכְן דִי אַייז פוּן אוּנְזֶער גוּף, צֶעבְּרֶעכְן דִי מְנִיעוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם; זִיךְ טוֹבֵל'ן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ טוֹבֵל'ן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

גֵיי אִין מִקְוֶה, אַ שׁוֹיעֶר קֶענְסְטוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ פְּרִיוַואט וְכוּ', אָבֶער אוֹיף מִקְוֶה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג (עַיֵּין בְּסֵפֶר לִקּוּטִים יְקָרִים, סִימָן קעח).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ שִׁיקְן אַ טֵייעֶרֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַאר מַיין בַּעַל הַבַּיִת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַ בִּיזְנֶעס וואוּ אִיךְ בַּאקוּם שֵׁיין בַּאצָאלְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן מַיין בַּעַל הַבַּיִת אִיז צוּפְרִידְן פוּן מַיין אַרְבֶּעט, אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף אִים זָאגְן אַז אִיךְ בִּין צוּפְרִידְן פוּן דִי אַרְבֶּעט? לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר נָאר אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּרְךְ אִים שִׁיקְט עֶר מִיר פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אִים צוּפִיל בַּאדַאנְקֶען וֶועט עֶר מִיר אַרוֹיפְלֵייגְן מֶער אוּן מֶער אַרְבֶּעט אוּן מִיךְ צוּפִיל אוֹיסְנוּצְן.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף אִים שִׁיקְן אַ טֵייעֶרֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת. אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס צוּ טוּן אוֹיבּ עֶר בֶּעט מִיר צוּ עֶרְלֶעדִיגְן אִין דִי אַרְבֶּעט שָׁעָה'ן אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט פַאר דִי בִּיזְנֶעס נָאר פַאר אִים פְּרִיוַואט, דַארְף אִיךְ עֶס טוּן, אָדֶער קֶען אִיךְ אִים זָאגְן אַז וִויבַּאלְד עֶס אִיז נִישְׁט פַאר דִי בִּיזְנֶעס טוּ אִיךְ עֶס נִישְׁט.

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי שֶׁעֶנְסְטֶע זַאךְ אִיז דִי מִדָּה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב, זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען דִי וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גוּטֶע שְׁלִיחִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל דִי שֶׁעֶנְסְטֶע מִדָּה אִיז הַכָּרַת הַטּוֹב, אוּן דִי עֶקְלְדִיגְסְטֶע מִדָּה אִיז זַיין אַ כְּפוּי טוֹבָה.

מוֹהֲרַ"ן הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן גֶעהֶערְט אַ גֶעשְׁרֵיי, עֶר אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי קוֹל פוּן דִי גֶעשְׁרֵיי בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרוּבּ, אוֹיפְן גְרוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטֵיין אִין אִינֶעם גְרוּבּ אִיז גֶעלֶעגְן אַ וָואלְף. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע שְׁפַּאלְט אוּן פוּן דָארְט הָאט דֶער וָואלְף אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט זַיין קָאפּ אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים בַּאפְרֵייעֶן, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאקוּמֶען אַ רַחְמָנוּת גֶעפִיל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט בַּאפְרֵייעֶן דֶעם וָואלְף אָבֶּער עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער וָואלְף וֶועט אִים פַּארְצִיקְן, דֶער וָואלְף הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אוּן גֶעשְׁוואוֹירְן מִיט אַלֶע סָארְט שְׁבֻעוֹת: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיךְ בַּאפְרֵייעֶן וֶועל אִיךְ דִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן", דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם פֶּעלְזְן שְׁטֵיין אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ בַּאפְרֵייעֶן דֶעם וָואלְף.

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ מִינוּט אוּן דֶער וָואלְף זָאגְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ: "זָאג וִידוּי וַוייל בִּיז אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס בִּיסְטוּ טוֹיט, שׁוֹין אַפָּאר טֶעג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגֶעסְן אוּן אִיךְ מוּז דִיךְ פַארְצוּקְן"; דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוָוארְן טוֹיט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר זָאגְט דֶעם וָואלְף: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט דָאס טוּן צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט אוּן דוּ הָאסְט מִיר צוּגֶעזָאגְט אוּן גֶעשְׁוואוֹירְן אַז דוּ גֵייסְט מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן!" עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער וָואלְף: "אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ דִיר צוּגֶעזָאגְט, אָבֶּער דָאס אִיז אַן עִנְיָן פוּן פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ, אוּן דִי הֲלָכָה אִיז אַז פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ אִיז דוֹחֶה כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אִיךְ הָאבּ

שוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר אַפָּאר טֶעג, אִיךְ גֵיי דִיךְ אוֹיפְעֶסְן", דֶער מֶענְטְש טַעְנָה'ט וַוייטֶער: "וִוי קֶענְסְטוּ דָאס טוּן?!" עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי טַעֲנוֹת אַהִין און צוּרִיק.

פְלוּצְלוּנְג זֶעט דֶער מֶענְטְש דֶעם לֵייבּ, דֶער קֶענִיג פוּן דִי חַיוֹת. זָאגְט עֶר פַארְן וָואלְף: "לָאמִיר פְרֶעגְן דֶעם לֵייבּ", און דֶער וָואלְף אִיז מַסְכִּים. זֵיי לֵייגְן פָאר זֵייעֶרע טַעֲנוֹת צוּם לֵייבּ, זָאגְט דֶער לֵייבּ: "אִיךְ וִויל זֶען דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי עֶס אִיז גֶעוֶוען, דֶער וָואלְף זָאל צוּרִיק גֵיין אִין גְרוּבּ, מֶען זָאל צוּרִיק לֵייגְן דִי שְׁטֵיין, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען פַּסְקְ'נֶען אַן אֶמֶתְ'ן פְּסַק דִין".

מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, דֶער וָואלְף אִיז צוּרִיק אִין גְרוּבּ, און מֶען הָאט צוּרִיק גֶעלֵייגְט דֶעם שְׁטֵיין, און דֶער לֵייבּ רוּפְט זִיךְ אָן און זָאגְט פַארְן וָואלְף: "דוּ בְּלַייבּ אִין גְרוּבּ, און דוּ מֶענְטְש, פוּן יֶעצְט און וַוייטֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז נִישְׁט מַכִּיר טוֹבָה".

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר טֵייעֶרע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, אַז דוּ ווילְסְט מַכִּיר טוֹבָה זַיין - זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַ פָּשׁוּטְ'עֶ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת און שְׁרַייבְּן אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו און זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען. עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין דִי מִדָּה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב, דִי וָואס הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב צוּ מֶענְטְשְׁן - דִי הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי דַאנְקֶען און לוֹיבְּן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק בַּיי דִי מְגִילָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַארְיָאר פַאר פּוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען צֶעטְלֶעךְ גֶעשְׁרִיבְּן אִין נָאמֶען פוּן רֶבִּי נָתָן אַז וֶוער עֶס וֶועט שְׁרַייעֶן דְרַייסִיג טָאג פַאר פּוּרִים: "הַצִּילֵנִי מִקְּלִפַּת הָמָן עֲמָלֵק, וְזַכֵּנִי לִקְדֻשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר", וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק בַּיי דִי מְגִילָה. אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעשְׁרִיגְן

פַאר דִי גַאנְצֶע דְרַייסִיג טֶעג פַאר פּוּרִים, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל בַּיי דִי מְגִילָה? וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

צַדִּיקִים זָאגְן, עֶס לוֹינְט זִיךְ אַרָאפְּצוּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶס זָאל אִיבֶּערְגֵיין וָואס גֵייט אִיבֶּער - אַבִּי זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן אֵיינְמָאל דִי הֵיילִיגֶע מְגִילָה; עֶס הָאט נִישְׁט מִיט וָואס מֶען שְׁפִּירְט, אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט - אִיז דָאס דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ פַאר דִי נְשָׁמָה.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס בַּיים צְוֵויטְן נַאכְט פֶּסַח נָאכְן סֵדֶר הָאט עֶר גֶעלֵיינְט דִי מְגִילָה, אוּן וֶוען דֶער אִיד הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען דִי מְגִילָה הָאט עֶר דֶערְזֶען פַאר זִיךְ שְׁטֵיין אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט. דִי נְשָׁמָה דֶערְצֵיילְט אַז עֶס זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶעם גֵיהִנוֹם אוּן זֵיי זֶענֶען נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין גַן עֵדֶן בִּיז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זְכוּת. אוּן יֶעדֶעס יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה עֶפְנְט מֶען אוֹיף דִי טִירְן פוּן גַן עֵדֶן, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע נְשָׁמוֹת קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן. אַפָּאר חֳדָשִׁים פַאר פּוּרִים קוּמֶען צוּ גֵיין טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן וַוייל זֵיי ווִילְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן, אָבֶער ווִיבַּאלְד עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער ווִי אַפָּאר שָׁעָה ווִי לַאנְג מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה, אִיז נִישְׁטָא גֶענוּג צַייט אַז אַלֶע נְשָׁמוֹת זָאלְן קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן, דַארְפְן זֵיי וַוארְטְן אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגְן יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה.

זָאגְט דִי נְשָׁמָה וַוייטֶער: "אִיךְ פְּרוּבִּיר שׁוֹין אַפָּאר יָאר זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן כְּדֵי צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין, אָבֶער אַלֶעמָאל פַארְמַאכְט זִיךְ דֶער טִיר פִּינְקְט פַאר אִיךְ גֵיי אַרַיין; דִי יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אָבֶער מַמָּשׁ פַאר מִיר הָאט זִיךְ דִי טִיר פַארְמַאכְט! הָאבּ אִיךְ

זִיךְ בַּארֶעכְנְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא בִּיזְן קוּמֶענְדִיגְן יָאר, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁטֵיי דָא אוּן וַוארְט אוֹיף קוּמֶענְדִיגְן יָאר פּוּרִים, הֶער אִיךְ פְּלוּצְלוּנְג וִוי אֵיינֶער לֵיינְט דִי מְגִילָה, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קְלַאפְּן אוֹיפְן טִיר פוּן גַן עֵדֶן אַז מֶען זָאל מִיר עֶפֶענֶען דִי טִיר, אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז מְמֻנֶּה צוּ זַיין דֶער שׁוֹמֵר הַפֶּתַח אוּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ קְלַאפּ, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט 'אִיךְ הֶער וִוי מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה אוּן אִיךְ ווִיל אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן', הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: 'יֶעצְט אִיז פֶּסַח, יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן, דוּ דַארְפְסְט וַוארְטְן אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגְן יָאר פּוּרִים', אִיךְ הָאבּ גֶע'טַעֲנָה'ט 'וָואס אִיז אַ נַפְקָא מִינָהּ צִי עֶס אִיז פֶּסַח צוּ פּוּרִים? וִויבַּאלְד מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה דַארְף מֶען מִיךְ אַרַיינְלָאזְן!' אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט בִּיז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען פוּן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה זֶען וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען, נָאכְן אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים הָאט בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה גֶעזָאגְט אַזוֹי: 'יֶעצְט אִיז טַאקֶע נִישְׁט דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען אַרַיינְלָאזְן אִין גַן עֵדֶן, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ דֶער אִיד וָואס לֵיינְט דִי מְגִילָה אוּן עֶר וֶועט פַּסְקְ'נֶען אַז מֶען דַארְף דִיךְ אַרַיינְלָאזְן אִין גַן עֵדֶן - וֶועט מֶען דִיךְ אַרַיינְלָאזְן'".

הָאט דִי נְשָׁמָה גֶעבֶּעטְן דֶעם אִיד: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גֶעבְּט מִיר רְשׁוּת אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן אִיךְ זָאל שׁוֹין מְתוּקָן וֶוערְן", הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: "אִיךְ נֶעם אוֹיף מִיר דֶעם תַּפְקִיד דִיךְ צוּ מְתַקֵּן זַיין אוּן גֵיי זָאג פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה אַז מֶען זָאל דִיךְ אַרַיינְלָאזְן אִין גַן עֵדֶן"; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין בַּיי קְרִיאַת מְגִילָה, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גַן עֵדֶן.

צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט, דָאס אַלֵיין אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דְרַייסִיג טֶעג אוּן מֶען בֶּעט טָאג נָאךְ טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק אוּן זֵיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר" - דָאס אִיז קְדוּשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר, אוּן דָאס אַלֵיין אַז מֶען ווִיל זַיין גוּט; מֶען ווִיל, מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּענְקְט, מֶען ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ - דָאס אִיז קְדוּשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר.

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, דוּ שְׁרֵיי וַוייטֶער: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם,**

**רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק, אוּן גֶעבּ מִיר צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה, לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְוֹת".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**אִיךְ הָאבּ פַארְפַּאסְט שַׁבָּת שְׁקָלִים, וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין צוּגֶעגְרֵייט אוֹיף שַׁבָּת שְׁקָלִים, מִיט אַלֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אוּן תּוֹרוֹת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ פַארְשְׁלָאפְן, אִיךְ בִּין אַרוּמְגֶעלָאפְן צוּ שׁוּלְן וָואס דַאוֶוענֶען שְׁפֶּעט, יֶעדֶע שׁוּל וואו אִיךְ בִּין אַרֵיינְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען שׁוֹין גֶעהַאלְטְן בַּיי מוּסָף, אוּן אִיךְ הָאבּ צוּם סוֹף נִישְׁט גֶעהֶערְט לֵיינֶען שְׁקָלִים.

אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעזִינְגֶען "אוֹר פָּנֶיךָ", אוּן נָאכְגֶעזָאגְט בַּיי דִי סְעוּדָה דִי תּוֹרוֹת פוּן שַׁבָּת שְׁקָלִים, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער נָאךְ זוֹכֶה זַיין אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל אוֹיפְהֵייבְּן מַיין קָאפּ, אוֹיבּ אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים לֵיינֶען שְׁקָלִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**דָא קוּמְט אַרַיין וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶער פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אִיז מַיין דַאוֶוענֶען אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע מַדְרֵיגָה פוּן נֶעכְטְן - וָואלְט אִיךְ מִיךְ אַרוֹיפְגֶעוָוארְפְן אוֹיפְן שַׁארְף פוּן שְׁוֶוערְד"; יֶענֶער הָאט זִיךְ בַּארוּמְט אַז יֶעדְן טָאג גֵייט אִים דָאס דַאוֶוענֶען מִיט הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגוֹת, זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט יוֹם הַקָּדוֹשׁ -**

דַאוֶוענְט מֶען אִין גָאטְ'ס נָאמֶען" (אַ טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר רוּפְט מֶען 'גָאטְ'ס נָאמֶען'); דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּד אִיז, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, מֶען דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, מֶען קוּקְט אוֹיף פָארְאוֹיס, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁטֶעלְן אַ שְׁטֶענְדִיג פוּנְדָאסְנֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן, בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה - וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז אַדוּרְךְ, אוּן דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכַאמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי".

דֶער לֵייבּ אִיז דֶער קֶענִיג פוּן דִי חַיּוֹת וַוייל דֶער לֵייבּ הָאט אַ נַאטוּר אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, דֶער פוּקְס אִיז טַאקֶע פוּל מִיט חָכְמוֹת, אָבֶּער אַלְץ קוּקְט דֶער פוּקְס אוֹיף צוּרִיק; אַזַא אֵיינֶער קֶען נִישְׁט זַיין קֶענִיג, אַז מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַיין, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת - טָאר מֶען נִישְׁט צוּרִיק קוּקְן, מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף פָארְאוֹיס.

דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעזָאגְט פַאר לוֹט: "קוּק נִישְׁט צוּרִיק", אוּן וֶוען לוֹטְ'ס וַוייבּ הָאט צוּרִיק גֶעקוּקְט אִיז זִי גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק זַאלְץ, אוּן אַזוֹי זֶענֶען דָא טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן עַד הַיּוֹם הַזֶּה וָואס זֶענֶען אַ שְׁטִיק זַאלְץ, אַ שְׁטִיק מָרָה שְׁחוֹרָה - פוּן הַאלְטְן אִין אֵיין צוּרִיק קוּקְן אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אוּן בֶּעט אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, אוּן דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים - אַזַא אֵיינֶער לֶעבְּט אִין גַן עֵדֶן, אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים פַארְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן", אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָנְ'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד', הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר - וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן וַוארְפְן דִי בַּאנַאנֶע שָׁאלֶעכְץ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ו אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיךְ דַאנְקֶען פַארְן מְנַדֵב זַיין דִי בִּילְדֶער פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, יֶעדֶע בִּילְד מָאלְט מֶען אוֹיף דְרֵיי וֶועגְן אוּן דִי פְּרַייז אִיז צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג דָאלֶער; אֵיין בִּילְד אִיז שְׁוַוארְץ אוֹיף וַוייס פַאר דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דִי זֶעלְבֶּע בִּילְד מָאלְט מֶען אוֹיךְ מִיט קָאלִיר פַאר דִי מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ אוּן פַאר דִי שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל, דִי דְרִיטֶע בִּילְד אִיז נָאר דִי אִינְדְרוֹיסְן, מֶען זָאל דָאס קֶענֶען קָאלִירְן, מַאכְן אַ קָאלֶערִינְג בּוּךְ.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ:

**דֶער צַדִיק רֶבִּי יוֹסֵף חַיִים זָאנֶענְפֶעלְד זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, דֶער רָב אִין יְרוּשָׁלַיִם גֵייט אִין גַאס, עֶר בְּרוּמְט זִיךְ אוּנְטֶער שְׁטִילֶערְהֵייט אַ תְּנוּעָה׳לֶע, עֶר בֶּענְקְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי טוּעֶן אַלֶע צַדִיקִים, וואוּ זֵיי גֵייעֶן אוּן וואוּ זֵיי שְׁטֵייעֶן - בְּרוּמְט זֵייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי בֶּענְקֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַ יוּנְגֶער אַרַאבֶּער אוּן וַוארְפְט אוֹיפְן צַדִיק אַ שָׁאלֶעכְץ פוּן אַ בַּאנַאנֶע, דֶער צַדִיק פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, דֶער צַדִיק וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אַרַאבֶּער, דֶער צַדִיק וַוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אִים.**

**״כַּ-אַ-טְ אֶ-ל כַּ-אַ-רַ-אַ-פּ!״ קִינְדֶער עֶנְק וַוייסְן וָואס דָאס מֵיינְט? אִין**

אַרַאבִּישׁ זָאגְט מֶען אַ שֵׁיינֶעם דַאנְק, כַאט אֶל כַארַאפּ; דֶער צַדִיק זָאגְט פַארְן אַרַאבֶּער 'אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארְן וַוארְפְן אוֹיף מִיר דִי שָׁאלֶעכְץ'.

דֶער אַרַאבֶּער וֶוערְט צֶעמִישְׁט, עֶר גֵייט צוּ צוּם צַדִיק אוּן פְרֶעגְט אִים: "פַארְוָואס זָאגְסְטוּ מִיר יְיַשֶׁר כֹּחַ, אִיךְ הָאב דִיר דָאךְ גֶעוָוארְפְן אַ בַּאנַאנֶע שָׁאלֶעכְץ?" זָאג דֶער צַדִיק: "אַ דַאנְק אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶעוָוארְפְן אַ שְׁטֵיין".

קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז, וֶוען עֶס גֵייט עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט - זָאל מֶען אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס, דֶער צַדִיק וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט וֵויינֶען אַז מֶען הָאט אִים שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, נֵיין, דֶער צַדִיק וֵויינְט נִישְׁט, דֶער צַדִיק לַאכְט, דֶער צַדִיק זָאגְט "שְׁכֹּחַ", דֶער צַדִיק לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זַיין עֶרְגֶער.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דִי צַדִיקִים, זֵייעֶרֶע עֵצוֹת - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מָאלְן אַ בִּילְד פוּן דֶעם צַדִיק רֶבִּי יוֹסֵף חַיִּים זָאנֶענְפֶעלְד, דֶער רָב אִין יְרוּשָׁלַיִם, וִוי עֶר גֵייט אִין גַאס מִיט דִי הוּט אִין דִי הַאנְט (אַזוֹי וִוי דִי בַּאקַאנְטֶע בִּילְד וָואס אִיז דָא פוּן אִים), אוּן וִוי אַן אַרַאבֶּער מִיט דִי פִּינְקֶע טִיכְל מִיט דִי בֶּענְדְל אוֹיפְן קָאפּ שְׁטֵייט אִין דֶער זַייט, אוּן וִוי עֶס אִיז דָא אוֹיפְן צַדִיקְ'ס קָאפּ אַ בַּאנַאנַא שָׁאלֶעכְץ.

שְׁכֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי מְכוֹן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַרוֹיס צוּ גֶעבְן מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פַאר קִינְדֶער, מַעֲשִׂיוֹת פוּן אֱמוּנָה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם בְּנֻסַּח הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן אַן אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶעם קָאפּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, שְׁקָלִים, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת שְׁקָלִים קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר הֵיילִיגֶע זַאכְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, ג) משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מִשֶּׁאֲנִי מֵת אֵין אֲנִי נִזְכָּר", אַז אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען מֶער נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען פוּן מִיר, וָואס וֶועט זַיין? "אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "חַיֶּיךָ", אִיךְ שְׁוֶוער, "כְּשֵׁם שֶׁאַתָּה עוֹמֵד עַכְשָׁו וְנוֹתֵן לָהֶם פָּרָשַׁת שְׁקָלִים וְאַתָּה זוֹקֵף אֶת רֹאשָׁן", אַזוֹי וִוי יֶעצְט זָאגְסְטוּ פַאר דִי אִידְן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי שְׁקָלִים אוּן דוּ הֵייבְּסְט אוֹיף זֵייעֶר קָאפּ, "כָּךְ בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה שֶׁקּוֹרְאִין אוֹתָהּ לְפָנַי", אַזוֹי וֶועט זַיין אַלֶע יָארְן וֶוען מֶען וֶועט לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים, "כְּאִלּוּ אַתְּ עוֹמֵד שָׁם בְּאוֹתָהּ שָׁעָה וְזוֹקֵף אֶת רֹאשָׁן", וֶועסְטוּ זַיין מִיט זֵיי אוּן זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ.

דֶעם שַׁבָּת קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן אַן אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶעם קָאפּ, מֶען קֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן, זָאגְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אַ קָאפּ, אִיךְ וִויל אַ רֵיינֶע קָאפּ, רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע מוֹחִין, נָאר פוּן דִיר טְרַאכְטְן, נָאר צוּ דִיר זִיךְ בֶּענְקֶען".**

מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי מִיט גוּטֶע עֵצוֹת, מִיר דַארְפְן אֵיין זַאךְ, מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר דַארְפְן אַוֶועק לֵייגְן דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן טוּן וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאגְן אוּנְז.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**פּוּרִים זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד**
**לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פּוּרִים, זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דֶעם טָאג מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט (דִי יָאר אִיז עֶס מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ) טְרִינְקְט מֶען נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען - נָאר פּוּרִים בַּייטָאג; זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פּוּרִים פְּרִי, גֵיי אִין מִקְוֶה אוּן אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים. צַדִּיקִים טַייטְשְׁן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן** (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה א, ד) **: "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִים לוֹ", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף תְּפִלָּה, פּוּרִים קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת.**

**דוּ דַארְפְסְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, דוּ דַארְפְסְט אַ שִׁידּוּךְ; זָאלְסְטוּ פּוּרִים זָאגְן תְּהִלִּים אוּן בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידּוּךְ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין פוּל מִיט פַארְדְרֵייטֶע חָכְמוֹת, אִיךְ זָאג אָפּ שִׁידּוּכִים, אִיךְ וֶוער עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן מַיינֶע חָכְמוֹת, נָאר חֲתוּנָה הָאבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן".**

...

**גֵיי וַוייטֶער הִתְבּוֹדְדוּת, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי הִינְט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד**
**לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

**זַיי מְחַזֵּק דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן קוּמֶען צַייטְלִיךְ. זָאג זֵיי, אֵיינֶע פוּן דִי סוֹדוֹת פוּן הַצְלָחָה, מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי לִימוּדִים - אִיז זַיין צַייטְלִיךְ. קוּק אִין דִי בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט פַאר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אִין יַבְנְאֵל, אִין יֶעדֶע בְּרִיוו שְׁטֵייט וֶועגְן שְׁמִירַת הַזְּמַן, קוּמֶען אִין צַייט.**

**אִיךְ טְרַאכְט, דִי לֶעצְטֶע יָאר צַייט נֶעם אִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ פוּן דִי גֶעהַאלְט,**

ווייל אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אַרָאפּ צוּ צִיפְּן פוּן דִי קְלֵיינֶע גֶעהַאלְט, אָבֶּער אִיךְ וֶועל יָא דַארְפְן אַרָאפְּנֶעמֶען אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי זְמַנִים.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי וַוייטֶער הִתְבּוֹדְדוּת, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי הִינְט, הֶעכְסְטְנְס קֶענְסְטוּ נֶעמֶען אַ מֶעסֶער אִין טַאשׁ, אוּן אַז דִי הִינְט וֶועלְן קוּמֶען צוּ דִיר נָאכְאַמָאל דִיךְ בַּייסְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנוּצְן מִיטְן מֶעסֶער, זִיךְ צוּ קֶענֶען הִיטְן.

...

## נָאר אַז מֶען אִיז צַייטְלִיךְ, קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר, אַז דוּ דַאוֶועְנְסְט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ דַאוֶועְנְסְט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ מִיט אַ סִידוּר, אָן קַיין שְׁמוּעֶסְן; אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ דָאס אַלֶעס צוּ הֶערְן, אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן מִיר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט הַתְמָדָה. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זֶען מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

זֶע צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל, אֵיינֶע פוּן דִי סוֹדוֹת פוּן מַצְלִיחַ זַיין אִיז זַיין מִיט אַ סֵדֶר צַייטְלִיךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט אַז אִיךְ ווִיל זֵייעֶר אַלֶע זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ, אוּן נָאר אַז מֶען אִיז צַייטְלִיךְ - קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פְּרִי, זָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; תְּהִלִּים אוּן מִשְׁנַיוֹת זָאלְן זַיין דַיינֶע עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּרִים.

פוּן דַיין טַאטֶע וָואס בֶּעט פַאר דִיר.

...

### ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר, פַאל אִיךְ מֶער אַרָאפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶערֶעדְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען זַיין דֶער גוּטֶער שְׁלִיחַ, אוֹיסְפִירְן בַּיי דִיר אַ שִׁידוּךְ.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) ; לֶערְן יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, אוֹיךְ לֶערְן תִּיקוּנִים אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

וְעַל כּוּלָם גֵיי שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן : ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַאטֶעוֶועַ מִיךְ, אִיךְ פַאל אִין בְּלָאטֶע, אִיךְ בִּין פּוֹגֵם בִּבְרִית, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר פַאל אִיךְ מֶער אַרָאפּ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מוֹחֵל, פַארְגֶעבּ מִיר מַיינֶע זִינְד, אוּן הֶעלְף מִיר זַיין גוּט״.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען ; דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ לֶעשְׁן דִי פַייעֶר פוּן נִיאוּף.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הֶערְן גוּטֶע נַייעֶס בַּיי דִיר בְּקָרוֹב.

...

### הָאסְט אַ פֶעלְד בַּיי דַיין שְׁטוּבּ, נוּץ עֶס פַאר הִתְבּוֹדְדוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי טְשֶׁעק פוּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער.

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶּׁר כֹּחַ פַארְן מִיר הֶעלְפְן מִיטְן קֶענֶען בַּאצָאלְן צַייטְלִיךְ דִי

מְלַמְּדִים, אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין צְדָקָה פוּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער, וּבִזְכוּת דִי מִצְוָה זָאלְסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אִינְדֶערְפְרִי אֵיידֶער דוּ גֵייסְט צוּ דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן - זָאלְסְטוּ כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר אִין פֶעלְד. הָאסְט אַ פֶעלְד בַּיי דַיין שְׁטוּבּ, נוּץ עֶס פַאר הִתְבּוֹדְדוּת. הוֹיבּ אָן מִיט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּם אִים, זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת.

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דָאס לֶעבְּן וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד.

...

**אַ מְלַמֵּד דַארְף מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס עֶר הֶערְט אוּן לֵיינְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג וָואס דוּ לֵיינְסְט אוּן וָואס דוּ הֶערְסְט, אַ מְלַמֵּד דַארְף מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הֶערְן לֵיצָנוּת, וַוייל וָואס מֶען הֶערְט - דָאס קוּמְט נָאכְדֶעם אַרוֹיס וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידִים. אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט פוּן וָואס עֶר טְרַאכְט, אוּן מֶען טְרַאכְט פוּן וָואס מֶען לֵיינְט אוּן הֶערְט; דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ אוֹיסְהֶערְן דִי נֵייעֶס הַאטְלֵיינְס וָואס אִיז לֵיצָנוּת.

בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט צוּ לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען אוּן הֶערְן דִי שְׁטוּתִים הַאטְלֵיינְס; אָדֶער לֶערְנְט מֶען אָדֶער דַאוֶוענְט מֶען, אָדֶער רֶעדְט מֶען מִיט דִי וַוייבּ, מֶען הֶעלְפְט אִיר אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער גֵייט מֶען הַפָּצָה וְכוּ׳.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט צִיעֶן דִי סָארְט זַאכְן, עֶס זָאל דִיר צִיעֶן צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, עֶס זָאל דִיר צִיעֶן מְקָרֵב זַיין אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**אִיז דָא הַיינְט אַ צַדִיק וָואס קֶען מִיר בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי מְבוּלְבָּל, וָואס אִיז אַ נַפְקָא מִינָהּ דִי גַאנְצֶע זַאךְ? וָואס פַּיינִיגְסְטוּ זִיךְ מִיט דִי נַארִישְׁקֵייט? קוּק אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ: 'וָואס הָאבּ אִיךְ אִין הַאנְט? וָואס בַּאקוּם אִיךְ דָא אִין מַיין הַאנְט?' אִיךְ בַּאקוּם חִיזוּק אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בַּאקוּם חִיזוּק אוֹיף זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן, חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, חִיזוּק אוֹיף טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, חִיזוּק אוֹיף טוּן דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה; דָאס אִיז דֶער עִיקָר.

דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ' - אִיז נִישְׁט נוֹגֵעַ אוֹיף גָארְנִישְׁט; מַאךְ מִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס אוּן מַאךְ מִיךְ נִישְׁט קְלֵיין, מַאךְ מִיךְ נִישְׁט פַאר אַ צַדִיק אוּן מַאךְ מִיךְ נִישְׁט פַאר אוֹיס צַדִיק, דוּ קוּק אוֹיף אֵיין זַאךְ: 'וָואס הָאבּ אִיךְ אִין הַאנְט?'

לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פָאלְג דִי עֵצוֹת וָואס דָארְט שְׁטֵייט, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן מָשִׁיחַ - מֵשִׁיחַ אִלְּמִים, מָשִׁיחַ אִיז דִי זֶעלְבֶּע וָוארְט פוּן שִׂיחָה; מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי זַאךְ פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ לְהַבְדִיל בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם וֶועט עֶר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי שֵׂכֶל פוּן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ זוּךְ דֶעם צַדִיק, וואוּ אִיז דָא הַיינְט אַ צַדִיק וָואס קֶען מִיךְ בְּרֶענְגֶען אַזוֹי נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן אַ גַאנְצְן טָאג, אִיךְ זָאל צוּ דִיר רֶעדְן"**, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן לט), מֶען דַארְף וֵויינֶען אוּן קַייכְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן טְרֶעפְן דֶעם צַדִיק וָואס קֶען אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאכְמָאל, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז מִיךְ אַרוֹיס פוּן בִּילְד, מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן מִיר, הֵייבּ מִיךְ נִישְׁט אוֹיף אוּן וַוארְף מִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ. אַנְשְׁטָאט שְׁטֵיין אוּן חַקֶרְ'נֶען וָואס אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, יָא אַ צַדִיק אָדֶער

נִישְׁט - זָאלְסְטוּ אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ מִשְׁנַיוֹת און נָאךְ גְּמָרָא, און נָאךְ אַבִּיסְל גֵיין הֲפָּצָה.

אַז דִי שִׁיעוּרִים און דִי בְּרִיוּו פון עֲצָתוֹ אֱמוּנָה זֶענֶען דִיךְ מְחַזֵק פַּאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - זָאלְסְטוּ דָאס וַוייטֶער אוֹיסְהֶערְן, און לֶערְנֶען און פָאלְגְן וָואס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוּו און וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, און אַז מִיר וֶועלְן טוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט - וֶועלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן צַדִיקִים, אוֹיךְ אִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ), דוּרְךְ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

## אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת שְׁקָלִים מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְנַאם שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע זֶענֶען דָארְט פְרֵיילִיךְ, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי עֵצוֹת פון רֶבִּי״ן.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ פְּעוּלַּת הַצַדִיק, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין צוּ דַאוֶונֶען דָארְט, מֶען דַאוֶוענְט מִיט אַ חַיוּת און אַ גֶעשְׁמַאק, דִי עֶלְטֶערְן זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען אִיז נִישְׁט פוֹיל, מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער צוּ דַאוֶונֶען. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי עֶלְטֶערְן בְּרֶענְגֶען זִיךְ מִיט גוּטֶע זַאכְן, קֶענְדִיס - פַאר דִי קִינְדֶער, מִיט דֶעם צִיעֶן זֵיי אָן דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶועלְן בְּלַייבְּן זִיצְן נֶעבְּן זֵיי און מִיט דַאוֶונֶען.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן ״סִימָן טוֹב״ פַאר דִי בַּר מִצְוָה פון אַ בָּחוּר וָואס דִי מִשְׁפָּחָה קוּמְט פון אוּמַאן; בַּיי דִי מִלְחָמָה זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָאפְן פון אוּמַאן קַיין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דֶעם בָּחוּר עֶס זָאל

אִים נִישְׁט וֵויי טוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט אִין אוּמַאן, יֶעצְט אִיז עֶר בַּיים רֶבִּי'ן אַלֵיין; וַוייל דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן - דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ דֶער רֶבִּי. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קצז; ריז): "אִין אוּמַאן אִיז גוּט צוּ לִיגְן"; דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט מֶען זָאל דָארְט וואוֹינֶען, וואוֹינֶען דַארְף מֶען אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַן עֶרְלִיכֶע חֶדֶר פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ, אַן עֶרְלִיכֶע שׁוּלֶע פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ, אוּן אַ שׁוּל וואוּ מֶען קֶען זִיךְ צַאמְקוּמֶען רֶעדְן פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

דִי גַבָּאִים הָאבְּן מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער נָאכְן דַאוֶונֶען; גַבָּאִים דַארְף מֶען פָאלְגְן, אַז אַ גַבַּאי שִׁיקְט צוּ צוּם עָמוּד דַארְף מֶען צוּגֵיין, אַז אַ גַבַּאי זָאגְט זַיין שְׁטִיל דַארְף מֶען זַיין שְׁטִיל; דִי הַצְלָחָה פוּן אַ שׁוּל אִיז - אַז מֶען הָאט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי גַבָּאִים, עֶס אִיז דָא אַ מִשְׁמַעַת; הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעפָאלְגְט אוּן גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם שַׁבָּת - שְׁקָלִים, אַז מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ גְרָאדְן קָאפּ, אַן אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶעם קָאפּ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז דֶעם שַׁבָּת קוּמְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ "וְזוֹקֵף רֹאשָׁן שֶׁל יִשְׂרָאֵל" (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, ג), מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה.

נָאכְן דַאוֶונֶען - אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים - הָאבְּן מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן רֶבִּי'ן, פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. עֶס אִיז אַ מַהֲלָךְ פוּן בְּעֶרֶךְ אַ שָׁעָה, אָבֶּער מֶען הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וִוי מֶען גֵייט אַ לַאנְגֶע וֶועג, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק. אִיךְ גֶעדֶענְק, מִיר פְלֶעגְן גֵיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ גֶעוִויסֶע שַׁבָּתִים, מִיר הָאבְּן אַרַיין גֶעוָואקְט פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג קַיין בָּארָא פַּארְק, אַ וֶועג פוּן צְוֵויי שָׁעָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גֶעשְׁמַאקְסְטֶע צַייטְן, דִי גַאנְצֶע וֶועג הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וִוי מֶען גֵייט אַ וַוייטֶע וֶועג.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט סִידּוּר עֵת רָצוֹן, דִי שְׁטִיקְל פוּן "מִצְוַת אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל", מְקַבֵּל זַיין פַארְן דַאוֶונֶען דִי מִצְוָה פוּן "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ". מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דָארְט, וֶוען מֶען הָאט אַ פַיינְט, מֶען הָאט

צוּטוּן מִיט אַנְדֶערֶע - גֵייט דִי גַאנְצֶע דַאוֶועְנֶען אַוֶועק מִיט טְרַאכְטְן פוּן דֶעם פַּיינְט אוּן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן מִיט וֶועם מֶען הָאט צוּ טוּן, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי מִצְוָה פוּן 'וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ', מֶען הָאט לִיבּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס גֵייט גָארְנִישְׁט אָן, עֶס גֵייט נִישְׁט אָן קַיין זַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע, מֶען וֵוייסְט 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין אוּן עֶר אִיז סוֹבֵב כָּל עַלְמִין, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, אוּן אִין יֶעדֶע תְּנוּעָה אִיז עֶר, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיין' - דֶעמָאלְט קֶען מֶען דַאוֶוענֶען.

אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין אַמָאל גֶעלֶערְנְט דֶעם סִידוּר עֵת רָצוֹן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט דֶעם סִידוּר, אִינְטֶערֶעסַאנְט, מֶען אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, אוּן פַאר זִיךְ אַלֵיין לֶערְנְט מֶען נִישְׁט דִי סְפָרִים, אֶפְשָׁר זָאל מֶען רוּפְן דִי מְפִיצִים אִין שְׁטֶעטְל, זֵיי זָאלְן קוּמֶען מֵפִיץ זַיין פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶעם סִידוּר, עֶס אִיז פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם סִידוּר אִיז בִּיטוּל הַבְּחִירָה, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי שְׁטִיקְל פוּן "כְּנִיסָה לְבֵית הַכְּנֶסֶת", פוּן קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט, כִּמְעַט אַלֶע הַשָּׂגוֹת פוּן אַרִיזַ"ל הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען פוּן קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט אַ צִיטֶער אוּן אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ, עַיֵין שָׁם.

דָאס דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין אוּן וַוארֶעם, דִי מְלַמְדִים הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער נֶעבְּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אוּן צוּזַאמֶען גֶעזִינְגֶען דִי הֶערְלִיכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן "אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נְשָׂא", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין, עֶס הָאט גֶעעֶפְנְט דִי הַארְץ זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְגִיסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן: "'אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נְשָׂא', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט דִיר, טְרַאכְטְן נָאר פוּן דִיר, רֶעדְן פוּן דִיר אוּן נָאר דִיךְ זֶעען'.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ - אִיז דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען

אַנְדֶערְשׁ, מֶען פְּלֶעגְט אַרַיין אִינֶעם דַאוֶוענֶען אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת; וֶוערְט דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אַ שְׁטִיק הִתְבּוֹדְדוּת.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין פֶעלְד שְׁפַּאצִירְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע וֶועטֶער, נִישְׁט צוּ קַאלְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶ'. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט טַעַם גַּן עֵדֶן, דָאס אִיז נִישְׁטָא אִין שְׁטָאט; אִין שְׁטָאט גֵייט מֶען אוֹיךְ שְׁפַּאצִירְן, אָבֶּער דִי שְׁפַּאצִירְן אִין שְׁטֶעטְל אִין פֶעלְד - אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ; וואוֹיל אִיז דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט דֶעם, וואוֹיל אִיז דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן.

נָאכְן דַאוֶוענֶען בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער חִגֵּר (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג), אַז דִי שֵׁדִים הָאבְּן צוּגֶענוּמֶען דִי כֹּחַ פוּנֶעם קֶענִיג, הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז דִי כֹּחַ דָאס אִיז דִי מֹחַ, וַוייל וִוי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט עֶר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אוּן וֶוען מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה - פַארְלִירְט מֶען דִי כֹּחַ.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער חַבֵר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע פוּן דִי שֵׁדִים: "מַיין מִשְׁפָּחָה נָאמֶען הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט מַזִּיק זַיין, אָבֶּער דַיין זוּנְ'ס נָאמֶען הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט - הָאבְּן זֵיי אִים גֶענוּמֶען אוּן מֶען פַּיינִיגְט אִים"; דָא אִיז מְרוּמָז דִי זַאךְ פוּן מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן זִיךְ אוּן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, דִי וָואס זֶענֶען בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן.

דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר אִין סְטֶעטְן אֵיילֶענְד, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע ווינְקְל דָארְט, זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע חֲבוּרָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה מִיט אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם צַדִּיק, בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַ חֲתוּנָה אוּן דֶער בַּדְחָן הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַן אַדְמוֹ"ר; גֶעמַאכְט תְּנוּעוֹת, גֶעפְּרַאוֶועט, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען אָנְגֶעטוּן וִוי אַ גַלָּח, אוּן דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט גֶעלַאכְט; הָאט דֶער רֶבִּי

גֶעזָאגְט: "אָט אִיז מֶען אַ מַלְאָךְ אוּן אָט אִיז מֶען אַ גַלָח"; הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן מִיט דִי גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן, אָט בְּרֶענְט מֶען, מֶען שְׁפִּירְט אַלֶע טַעֲמִים פוּן הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק וָואס מַאכְט דִיךְ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אָט פַאלְט מֶען אַרָאפּ, מֶען וֶוערְט אַ חָסִיד שֶׁנָפַל, וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט - גְּרוּעַ מִמְּשׁוּמָד, מֶען קִילְט זִיךְ אָפּ, מֶען וֶוערְט קְלוּג, מֶען פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער פוּן רֶבִּי'ן, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן דָאךְ אִיז דִי בְּחִירָה אַזוֹי גְרוֹיס; נָאכְן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אַ וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַ וֶועג וִוי צוּ לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ - פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְט מֶען קְלוּג אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן 'וָואס דַארְף אִיךְ דָאס אַלֶעס? וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אָן דֶעם?' מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

נָאכְן דְרָשָׁה אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע מַעֲמָד, דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע אוֹצְרוֹת, אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט זֵייעֶרֶע סִיוּמִים, אַ תַּעֲנוּג וְנַחַת צוּ זֶען דִי קִינְדֶער וִוי אַלֶע הָאבְּן שִׁיעוּרִים אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא.

אִיךְ ווִיל דִיךְ בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דִי צַאמְקוּמֶען פוּן חֲבֵרִים וָואס מֶען רֶעדְט פָּאלִיטִיק אוּן מֶען טְרִינְקְט לְחַיִּים, נֶעם צוּרִיק דִי עֶכְטֶע חֲבֵרִים, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים; דִי מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, סִפְרֵי רַבֵּינוּ; דִי חֲבֵרִים וֶועלְן דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם דִי וָואךְ שַׁבָּת אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת, אוֹיךְ פּוּרִים אוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים - וֶועל אִיךְ זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

פּוּרִים, זוּנְטָאג פַארְנַאכְטְס וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה, אַזוֹי אוֹיךְ שׁוּשַׁן פּוּרִים נָאכְמִיטָאג וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה.

מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי מִיט גוּטֶע עֵצוֹת, מִיר דַארְפְן אֵיין זַאךְ, מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר דַארְפְן אַוֶועק לֵייגְן דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן טוּן וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאגְן אוּנְז.

אַ פְרֵיילִיכְן חוֹדֶשׁ.

...

### דִי עֵצָה פוּן הָמָן אַרְבֶּעט נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, מֶען קֶען זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וָואס לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גַאנְצֶע מְגִילָה דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי וֶוערְטֶער (אֶסְתֵּר ה, יג): ״מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ״, מָרְדְּכַי זִיצְט בַּיים טוֹיעֶר פוּן קֶענִיג, מָרְדְּכַי גֵייט אַלְץ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרער בְּרוּדֶער, פְּרוּבִיר אוֹיס דִי עֵצָה פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, פוּן גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי עֵצָה פוּן הָמָן אַרְבֶּעט נִישְׁט, זַיין טְרוֹיעֶרִיג, ״אָבֵל וַחֲפוּי רֹאשׁ״ (שָׁם ו, יב), - דָאס אַרְבֶּעט נִישְׁט; דִי עֵצָה פוּן צַדִּיקִים, זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִי עֵצָה הֶעלְפְט.

פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר, הִתְבּוֹדְדוּת; זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר.

...

### אָפְּלָאזְן דֶעם ׳אָרוּר הָמָן׳ אוּן וֶוערְן ׳בָּרוּךְ מָרְדְּכַי׳

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

עֶס קוּמֶען יֶעצְט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע טֶעג, פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס (אֶסְתֵּר ט, א): ״וְנַהֲפוֹךְ הוּא״, מֶען קֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, ״יֵשׁ עִנְיָן שֶׁיִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה״ (לִיקוּטֵי עֵצוֹת הִתְחַזְּקוּת, סִימָן לו), מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, אָפְּלָאזְן דֶעם ׳אָרוּר הָמָן׳ אוּן וֶוערְן ׳בָּרוּךְ מָרְדְּכַי׳; אֲפִילוּ אוֹיב מֶען אִיז אִין

(מְגִילָּה יג:): "חֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ", מֶען דֶערְטְרוּנְקֶט זִיךְ אִין בְּלָאטֶע - לֶערְנֶען אוּנְז דִי צַדִּיקִים מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר: "אַנְטְלוֹיף פוּן דִי טוּמְאָה, לוֹיף צוּם צַדִּיק", חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם), אֶסְתֵּר זָאגְט אוּנְז: "עוֹמֶדֶת מֵחֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ", שְׁטֵיי אוֹיף פוּן דִי שׂוֹיס פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, "טוֹבֶלֶת", גֵּיי אִין מִקְוֶה, "וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְּכַי", גֵּיי צוּ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיקְ'ס שׂוֹיס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עד): "וְעַכְשָׁיו, וְלֹא סִיֵּים", קֶען מֶען זָאגְן: "עֶנְדִיג נִישְׁט זָאגְן 'וְעַכְשָׁו", מֶען דַארְף אַ גַאנְץ לֶעבְּן זַיין גְרֵייט צוּ זָאגְן: "'וְעַכְשָׁו', אִיךְ הוֹיבּ יֶעצְט אָן", 'וְלֹא סִיֵּם', אוּן נִישְׁט עֶנְדִיגְן אָנְהוֹיבְּן מַאכְן פְרִישֶׁע הַתְחָלוֹת.

...

## דִי לִימוּדִים פוּן מָרְדְּכַי אוּן אֶסְתֵּר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, עֶס קוּמְט אַרָאפּ דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר; קֶענֶען מִיר זִיךְ מִיטְכַאפְּן אוּן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לִימוּדִים פוּן מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דִי לִימוּדִים פוּן מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר, מֶען זָאל דַאוֶועֶנֶען, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר הָאבְּן גֶעוִויזְן פַאר יֶעדְן אַז עֶס אִיז דָא תְּפִלָּה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יב:): "הֵאִיר עֵינֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל בִּתְפִלָּתוֹ", מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָאט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט פַאר דִי אִידְן מִיטְן אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶס אִיז דָא תְּפִלָּה, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וְוִי אוֹיפְגֶעבְּן, אֲפִילוּ דִי גְזֵירָה אִיז שׁוֹין גֶע'חַתְמְ'עֶט, אָבֶּער תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער.

אוֹיךְ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה, אִיר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְלֶערְנֶען מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם, טו:) פַארְוָואס הָאט אֶסְתֵּר גֶעבֶּעטְן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ צוּ רוּפְן הָמָן צוּ דִי סְעוּדָה? וַוייל זִי הָאט גֶעוָואלְט דֶערְשְׁרֶעקְן דִי אִידְן, זִי הָאט גֶעוִויסְט אַז דִי אִידְן דַאוֶועֶנֶען

נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְזֵירָה, זֵיי טְרַאכְטְן "אָחוֹת יֵשׁ לָנוּ בְּבֵית הַמֶּלֶךְ", מִיר הָאבְּן אַ שְׁוֶועסְטֶער אִין קֶענִיגְ'ס פַּאלַאץ, "וְיָסִיחוּ דַּעְתָּן מִן הָרַחֲמִים", אוּן זֵיי בֶּעטְן נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז זֵיי זֶעעֶן אַז אֶסְתֵּר אִיז נָאנְט מִיט הָמָן זֶעעֶן זֵיי אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אָפְּלָאזְן אַלֶע שְׁטוּתִים, אוֹיפְהֶערְן זִיךְ פַארְזִיכֶערְן אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה, נָאר עוֹסֵק זַיין אִין הִתְבּוֹדְדוּת.

...

## פַארְכַאפְּט בַּיי וַשְׁתִּי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר רַחְמָנוּת אוֹיף אַייךְ, אִיר קוּקְט עֶקֶלְדִיגֶע מָאוִויס, אִיר זֶענְט פַארְכַאפְּט בַּיי וַשְׁתִּי; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יב:): "הָיְתָה וַשְׁתִּי הָרְשָׁעָה מְבִיאָה בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל", וַשְׁתִּי הָאט גֶענוּמֶען טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, "וּמַפְשִׁיטָן עֲרוּמוֹת", אוּן זֵיי אוֹיסְגֶעטוּן, אַוֶועקְגֶענוּמֶען זֵייעֶר אֵיידְלְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט.

פּוּרִים אִיז אַ הֵיילִיגֶע טָאג, פּוּרִים קֶען מֶען אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן הֵיילִיג, אַנְטְלוֹיפְן פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ.

פּוּרִים זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, 'כִּי נִמְכַּרְנוּ אֲנִי', אִיךְ בִּין פַארְכַאפְּט בַּיי דִי טוּמְאָה, אִיךְ בִּין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ מָאוִויס, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער גֶעבּ מִיר רֵיינְקֵייט, גֶעבּ מִיר הֵיילִיגְקֵייט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ.

...

**זייער מכיר טוב פארן זיך אוועקגעבן פאר די מוסד**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת פקודי, ב' אדר ב', שנת תשפ"ד לפרט קטן

**מרת ... תחי'**

אייער זכות איז זייער גרויס בזה ובבא פארן אוועקגעבן פון זיך אזויפיל, אוועקגעבן פון אייער באקוועמליכקייט, אלעס אז אייער חשוב'ער מאן זאל קענען העלפן אונזער מוסד, ער זאל קענען טון פאר אונזערע דורות.

איך פערזענליך בין אייך זייער מכיר טובה, און אויך די גאנצע קהילה איז אייך זייער מכיר טובה פארן טון אזויפיל פאר אונזערע קינדער.

בזכות די מסירות נפש זאלט איר זען נחת ביי אייערע דורות.

...

**בינד צו דיין האנט און קאפ מיט די הייליגע תפילין**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת פקודי, ב' אדר ב', שנת תשפ"ד לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

שטארק זיך מיט אלע דיינע כחות, געוואוין זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן, ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן - אלץ מער ווערט מען צוגעקלעבט צו אים, מען ווערט א שטארקער מענטש, עס גייט מער נישט אן וואס דער זאגט און וואס יענער זאגט.

עס זאל דיר נישט אנגיין וואס מענטשן זאגן, עס זאל דיך נאר אינטערעסירן צו לעבן מיטן אייבערשטן; א שאד צו זיין אנגעהאנגען אין מענטשן, טראכטן וואס דער וועט זאגן און וואס יענער וועט זאגן, עס דארף נאר אינטערעסירן צו זיין באהאפטן צום אייבערשטן.

נעם זיך פאר אנצוטון יעדן טאג די הייליגע תפילין, בינד צו דיין האנט מיט די הייליגע תפילין און בינד צו דיין קאפ מיט די הייליגע תפילין; ווערסטו זיין צוגעבינדן צום אייבערשטן.

דעם קומענדיגן ליל ששי וועט זיין די שיעור אינאיינעם מיט א מסבה פאר הכרת הטוב און אויך א סיום ירושלמי מסכת שבת. עס איז נאכנישט צו

שְׁפֶּעט, קֶענְסְט הַיינְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא. אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – אִיז אַ טָאג, נָאר מִיט תּוֹרָה אִיז דִי טָאג אַ טָאג, אָן תּוֹרָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, אָן תּוֹרָה אִיז מֶען נַאקֶעט, אָן תּוֹרָה אִיז מֶען אָרֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיין וַוייבּ זָאל דִיר זַיין טֵייעֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת מֶער וִוי אוֹיף אַלֶעם, דַיין וַוייבּ זָאל דִיר זַיין טֵייעֶר, רֶעד צוּ אִיר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין אוּן וֵוייךְ.

אַז דוּ וֶועְרסְט נֶערְוֶועז פוּן דַיין וַוייבּ - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין וַואלְד אוּן שְׁרֵייעֶן קוֹלֵי קוֹלוֹת: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז מִיט מִיר? וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי מְזַלְזֵל אִין דִי מַתָּנָה וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן? הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן מַיין פַארְשְׁטִינְקֶענֶע גַּאֲוָה״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּמְט נִישְׁט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה צוּ מִיר אוּם פּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵייא דִי מוֹסְדוֹת; וִוי מֶער מֶען טוּט פַארְן רֶבִּי׳ן - אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶעס וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי׳ן.

עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב פּוּרִים, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין

שְׁטָאט, בְּלַייבּ אִין שְׁטֶעטְל. נֶעמְט אַייךְ צוּזַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דַאוֶוענְט מִנְחָה, מַאכְט אַ סְעוּדָה, אַלֶע זָאלְן בְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס לְכָבוֹד דִי סְעוּדָה, טְרִינְקְט וַויין לְכָבוֹד פּוּרִים, טַאנְצְט אִינְאֵיינֶעם אוּן שְׁרֵייט אוֹיס: "לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קוֶיךָ לֹא יֵבוֹשׁוּ וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ!"

אוֹיךְ גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע אַבְרֵכִים מֶען זָאל נִישְׁט אַרוֹיפְקוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּב פּוּרִים, וֶוער עֶס וִויל בְּרֶענְגֶען מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת - קֶען בְּרֶענְגֶען, אָבֶער נִישְׁט קוּמֶען זִיצְן בַּיי מִיר אוּן נִישְׁט קוּמֶען מִיט דִי מִשְׁפָּחָה לְמַעַן קְדוּשָׁה וּצְנִיעוּת, אִיךְ הָאבּ אַ קְלֵיינֶע דִירָה אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ קוּמֶען מִיט דִי מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן זִיךְ צוּהֶערְן אוּן טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע עוֹלָם, אִיז גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ, הַיינְט בַּיי אוּנְז וָואס דֶער עוֹלָם וַואקְסְט - מוּז מֶען מַאכְן אַנְדֶערְשׁ.

...

## מְחַזֵּק זַיין דִי בָּחוּרִים צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... שְׁלִיטָ"א, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי מְחַזֵּק דִי בָּחוּרִים בַּיי דִיר אִין יְשִׁיבָה זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה; אַ גַאנְץ יָאר זָאלְן זֵיי עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה, בִּפְרַט אִינֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים.

דִי בָּחוּרִים קֶענֶען זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן גֵיין אִין הַייזֶער, טַאנְצְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן בֶּעטְן צְדָקָה פַאר אוּנְזֶער יְשִׁיבָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַזֵּק זַיין זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיךְ הֶער פוּן מֶענְטְשְׁן אַז בָּחוּרִים גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט בַּיי אוּנְזֶער גְרָאסֶערִי צוּ קוֹיפְן פִּיצַא וְכוּ'. זָאג זֵיי עֶס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע גֶעווֹאוֹינְהֵייט; סַיי דָאס עֶסְן אִין גֶעשֶׁעפְט וֶוען עֶס אִיז דָא עֶסְן אִין יְשִׁיבָה, אוּן סַיי דָאס בֶּעטְן גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן פַאר אִיבְּרִיגֶע זַאכְן.

װער נישְׁט מִיד און שְׁוַואךְ װען דוּ זֶעסְט אַז נָאכְן רֶעדְן פּוֹעֶל'ט מֶען נִישְׁט, גְלֵייבּ אַז דַיינֶע װערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי טֵייעֶרֶע הֶערְצֶער און יֶעדֶעס װָארְט װָאס מֶען רֶעדְט מִיט הַארְץ - װֶערְט אָנְגֶענוּמֶען, נִכְנָסִין לַלֵּב.

דוּ רֶעד, אַז מֶען רֶעדְט - פּוֹעֶל'ט מֶען, אַמָאל גְלַייךְ און אַמָאל נֶעמְט עֶס אַבִּיסְל צַייט.

רֶעד צוּ זֵיי פוּן אֱמוּנָה, פוּן תְּפִלָּה, פוּן קְדוּשַּׁת הַיְסוֹד, און אָפְּהִיטְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ און פוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת.

װען דוּ װערְסְט מִיד - זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְמַאנֶען װִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט כֹּחַ צוּ אוּנְז, גֶערֶעדְט און גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז און נִישְׁט גֶעוָוארְן מִיד.

אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר דַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ מַאכְן אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת מִיט זֵיי, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ גֵיין מִיט זֵיי אוֹיף אַ שַׁבָּת זֵיי מְחַזֵּק זַיין, זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן מִיט דִי חִיזוּק און עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה װָאס בֶּעט פַאר דַיין הַצְלָחָה.

...

יֶעדֶער אֲשֶׁר בְּשֵׁם הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְכֻנֶּה זָאל טוּן פַאר הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל

לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן "הֲפָצָה", פַארְשְׁפְּרֵייט צְווִישְׁן בְּנֵי הַנְּעוּרִים; בָּחוּרִים, כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט - דִי קוּנְטְרֵסִים, גִלְיוֹנוֹת און סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוֹיךְ פַאר פְרוֹיעֶן און מֵיידְלֶעךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ שְׁטוּרֶעם צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, דֶערְצֵייל פַאר דִי אִינְגֶעלַייט װָאס אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁװער און קֶענֶען נִישְׁט דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ, דֶערְצֵייל זֵיי װָאס פַאר אַ שֶׁפַע מֶען מַאכְט דוּרְךְ הֲפָצָה, און דִי זְכוּתִים פוּן אָפְּרַאטֶעוֶועֶן גַאנְצֶע דוֹרוֹת.

קוּם אִין יְשִׁיבָה, נֶעם בָּחוּרִים, מַאךְ אַ סֵדֶר פוּן גֵיין הֲפָצָה, און וואוּ מֶען זָאל גֵיין, שְׁטֶעל צוּזַאם חַבְרוּתוֹת װער עֶס זָאל גֵיין מִיט װעם, וַוייל אִיךְ וויל

יֶעדֶער בָּחוּר און יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן אֲשֶׁר בְּשֵׁם הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְכֻנֶּה - זָאל טוּן פַּאר הֲפָצָה.

...

### נֶעם צַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין שְׁטֶעטְל אוּם פּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, מֶען גֵייט לֵיינֶען דִי הֵיילִיגֶע מְגִילָה. צַדִּיקִים זָאגְן עֶס לוֹינְט אַרִיבֶּער צוּ גֵיין אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, אַבִּי זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן אֵיין מָאל דִי מְגִילָה. בְּשַׁעַת׳ן לֵיינֶען דִי מְגִילָה קוּמְט אַרָאפּ אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, מֶען קֶען זִיךְ אַזוֹי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן זְכֻיּוֹת.

עֶס לוֹינְט נִישְׁט זִיךְ אַרַיין צוּ שְׁלֶעפְּן אִין שְׁטָאט, גְלֵייבּ מִיר, פְרֵיילִיךְ אִיז נִישְׁט דִי פְּלַאץ, פְרֵיילִיךְ אִיז אִין הָארֶץ. נֶעם צַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין שְׁטֶעטְל, דַאוֶוענְט מִנְחָה, מַאכְט אַ סְעוּדָה, טְרִינְקְט וַויין און טַאנְצְט "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ", וואוּ מֶען אִיז - קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, און וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי׳ן - דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי.

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, זִיץ צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער און שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

...

### מֶען קְלַאטְשְׁט בַּיי "הַמֶּלֶךְ" פוּן דִי מְגִילָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי

עֶס קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶער טָאג פּוּרִים, מֶען גֵייט לֵיינֶען דִי מְגִילָה. בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז דֶער מִנְהָג, וֶוען דֶער בַּעַל קוֹרֵא זָאגְט דִי וֶוערְטֶער (אֶסְתֵּר ו, א): "בַּלַּיְלָה הַהוּא נָדְדָה שְׁנַת הַמֶּלֶךְ" - פַּאטְשְׁט מֶען און מֶען קְלַאטְשְׁט, מֶען

דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פוּן 'הַמֶּלֶךְ' וָואס מֶען פַּאטְשְׁט, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וַוארְטְן צוּ הֶערְן פוּן דִיר וָואס זֶענֶען דִי פְּלֶענֶער פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, בִּיטֶע מוֹדִיעַ זַיין דִי פְּלֶענֶער אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען גְרֵייטְן מִיט דִי פְּלֶענֶער.

...

### מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, הַאלְבּ אִיז אוֹיךְ גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרַאנַ"שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל לֶערְנְט אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף פוּן אוּנְז 'הַאלְבּ'; עֶס אִיז חָשׁוּב 'אַבִּיסְל', עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס 'גַאנְץ'.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְיוּאָשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז וַוייל מֶען וִויל שְׁלֵימוּת, מֶען וִויל זַיין אַ מַלְאָךְ, מֶען וִויל גְלַייךְ זַיין 'גַאנְץ'; זָאגְט אוּנְז דִי תּוֹרָה, גֶעבּ אַ 'הַאלְבּ', נָאר אַזוֹי קֶען מֶען בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן.

דָאס אִיז בְּעֶצֶם דֶער לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, 'מְעַט גַּם כֵּן טוֹב', אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, לֶערְן אַבִּיסְל, רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'מַחֲצִית עֵינַיִם', מַאךְ אַ הַאלְבּ שְׁמִירַת עֵינַיִם.

אַשְׁרֵינוּ.

...

### דִי דְרֵיי עֶקֶעדִיגֶע הָמָן טַאשְׁן

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הֶערְן וָואס דוּ מַאכְסְט,

ווִי אַזוֹי גֵייט אַלֶעס בַּיי דִיר, הַלְוַואי וָואלְסְטוּ מִיר גֶעשְׁרִיבְּן כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ וָואס דוּ מַאכְסְט, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

יֶעצְט אִין דִי פּוּרִים טֶעג, וואוּ מֶען גֵייט, זֶעט מֶען דִי דְרֵיי עֶקֶעדִיגֶע קִיכְלֶעךְ וָואס מֶען רוּפְט "הָמָן טַאשׁ", דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט' מֵחָכָם וְתָּם): "אוּן אַז דִי דַאוֶוענֶען הָאט אַ פָּנִים ווִי אַ שׁוּךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן" - דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ מְחַיֶּ' זַיין, אַזוֹי ווִי דֶער תָּם הָאט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז, ווִי הָאנִיגְדִיג, צוּקֶערְדִיג, זִיס וְכוּ'".

מִיר דַארְפְן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט אַ יֶעדֶע דַאוֶוענֶען, מִיט יֶעדֶע שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אֲפִילוּ עֶס אִיז דְרֵיי עֶקֶעדִיג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַלֶע אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אוּן עֶר מַאכְט פוּן דֶעם אַ קְרוֹין.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ.

...

### פּוּרִים אִיז מֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט קוּמֶען הֵיילִיגֶע טֶעג, פּוּרִים אִיז גָאר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי מִיט לִיבְּשַׁאפְט. יֶעדֶער אִיד קֶען פוּן פְרִישׁ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פח.): "הָדוּר קִבְּלוּהָ בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ", אִידְן הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן אַ יוֹם תְּהִלִּים אוּן וְעַל כּוּלָם זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אִים בֶּעטְן: "קָרְבֵנוּ לְתוֹרָתֶיךָ, בַּאשֶׁעפֶּער, בְּרֶענְג מִיר אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ דַיינֶע מִצְוֹת".

יֶעצְט אִין דִי פּוּרִים טֶעג קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ "וְנַהֲפוֹךְ הוּא", מֶען קֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן.

...

**דִי גֶעפִּיל וַוייטֶער מְסַיֵּים זַיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנַיוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר אַזוֹי מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי הוֹדָעָה אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי נַיין אוּן פֶערְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר. אִיךְ גֶעדֶענְק אַלְס בָּחוּר הָאסְטוּ פְלֵייסִיג גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען רוֹב טָאג מִיט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן צָאלְן חוֹבוֹת, דָאךְ הָאסְטוּ דִי שֵׂכֶל, דִי גֶעפִּיל וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּים זַיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנַיוֹת; ווָאוּיל אִיז דִיר אוּן ווָאוּיל אִיז דַיין חֵלֶק, דָאס וֶועסְטוּ מִיט נֶעמֶען מִיט דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

פְּרֶעג דַיין וַוייבּ אוֹיבּ עֶנְק ווִילְן קוּמֶען רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; אִיךְ ווִיל עֶנְק הֶעלְפְן סַיי אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי חוֹבוֹת אוּן סַיי מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא.

...

**וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט טוּן פַאר דִי מוֹסָד?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן זֶען אַסַאךְ נַחַת אוּן אִיר אוֹיפְצִיעֶן לַתּוֹרָה וּלַחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

פְּרֶעג דֶעם מֶענִידְזְשֶער אֱלִיעֶזֶר אָדֶער דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער רְפָאֵל,

אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ הַאלְטְן דִי וֶוענְס; דָאס אָנְצִינְדְן מִזְמַן לִזְמַן, עֶס זָאל נָאךְ אַרְבֶּעטְן פַארְן זוּמֶער. מִיר דַארְפְן הָאבְּן דִי וֶוענְס פַאר זוּמֶער צוּ טְרָאגְן דִי עֶסְן צוּ דִי קֶעמְפְּס וְכַדוֹמֶה, אוּן אַז עֶס שְׁטֵייט לַאנְג אָן נוּצְן - וֶוערְט דָאס חָרוּב.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן וָואס מֶען קֶען הֶעלְפְן, מֶען דַארְף נָאר וֶועלְן הֶעלְפְן, מֶען דַארְף הָאבְּן אִינְגֶעלַייט זָאלְן כְּסֵדֶר רוּפְן דֶעם מֶענִידְזְשֶׁער אָדֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער פְרֶעגְן: "וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט טוּן פַאר דִי מוֹסָד?"

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי מִיר גֵייט אַרִיבֶּער רוֹב טָאג מִיט דִי מוֹסְדוֹת, מִיט דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, דָאס אִיז מַיין שֶׁענְסְטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס וֶועט זַיין אַ כַּפָּרָה אוּן אַ תְּשׁוּבָה אוּן אַ תִּיקוּן אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵן זַיין.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז דוּ הָאסְט אַ שְׁטִיקְל גֶעפִיל פַאר דִי מוֹסְדוֹת.

...

**אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע קִינְדֶער אָן אַ שִׁיעוּר**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוּס פוּן דַיין טַייעֶרְער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז בַּיי מִיר לִיכְטִיג אוּן טַייעֶר, עֶר לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶר דַאוֶוענְט עֶרְלִיךְ, אוֹיךְ הֶעלְפְט עֶר אִין יְשִׁיבָה.

אִיךְ גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף אִים, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט שְׁפֶּעט בִּין אִיךְ מַעֲלִים עַיִן, אִיךְ מַאךְ זִיךְ ווִי אִיךְ זֶע נִישְׁט, וַוייל אִיךְ ווִיל אִים נִישְׁט פַארְלִירְן, עֶר אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אוּמְגֵיין מִיט אִים זֵייעֶר אֵיידְל, אִים זָאגְן אֵיין מָאל, מֶערְסְטְנְס צְוֵויי מָאל אוּן נִישְׁט צוּפִיל דְרוּקְן, יֶעצְט אִין דִי יָארְן דַארְף מֶען נוּצְן דִי יְמִין מְקָרֶבֶת, אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרוּמֶען אָן אַ שִׁיעוּר.

וֶוען קִינְדֶער זֶענֶען יוּנְג דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט פוּן גֵיין שְׁטְרֶענְג, אָבֶּער וֶוען זֵיי וֶוערְן גְרוֹיס - דַארְף מֶען זִיךְ אָנְטוּן זַיידֶענֶע הֶענְטְשִׁיךְ אוּן פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן, אוּן נָאר אוֹיסְרוּמֶען.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ דוּ וֶועסְט הָאבְּן נַחַת פוּן אִים, אָבֶּער אִיךְ ווִיל זָאלְסְט מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט מִיר, אִים נָאר אוֹיסְרוּמֶען אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן, וְסוֹף הַכָּבוֹד לָבוֹא.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס ווִיל נָאר דִי טוֹבָה פוּן דִיר אוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

...

### טוּן וָואס מֶער פַאר שִׁידוּכִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מַאכְן שִׁידוּכִים פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶוער עֶס מַאכְט שִׁידוּכִים אוּן וֶוער עֶס הֶעלְפְט שִׁידוּכִים - דֶער אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ד) דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס זַאךְ אִיז מַאכְן שִׁידוּכִים; כִּבְיָכוֹל דָאס טוּט עֶר פוּן בְּרִיאַת הָעוֹלָם, מְזַוֵּג זִוּוּגִים, אוּן וֶוער עֶס הֶעלְפְט מַאכְן שִׁידוּכִים - הֶעלְפְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוערְט נִישְׁט מִיד, וֶוערְט נִישְׁט אַלְט אוּן טַאנְצְט אַרִיבֶּער אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי גֵייט אַרִיבֶּער אַלֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים וַחֲלִישׁוּת הַדַעַת אוֹיף דֶער וָואס טוּט אִין הֵיילִיגֶע זַאכְן, בִּפְרַט אִין דִי עִנְיָן פוּן שִׁידוּכִים, אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן דִי אַלֶע סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, נָאר וָואס מֶער טוּן פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

מוֹהֲרַ״ש הָאט אַלֶע יָארְן אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער... אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי... קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט (אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ ווִי מֶען וֵוייסְט נִישְׁט) דִי צַעַר פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, ווִי

זַיי וֵויינֶען און שְׁרֵייעֶן 'מִיר ווילְן זַיין גוט, לָאזְט אונְז חֲתוּנָה הָאבְּן, לָאזְט אוּנְז לֶעבְּן אַ רֵיינֶע עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן'.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, בֵּיידֶע פוּן אַייךְ, דוּ זֵיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ און אִיר זַייט מְחַזֵּק אַייעֶר מַאן - צוּ טוּן וָואס מֶער פַאר שִׁידוּכִים.

אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק און אִיךְ בִּין מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס וָואס עֶנְק טוּעֶן פַאר קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

...

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, ווי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ דַארְפְן זַיין אַלֵיין?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, דוּ ווִילְסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג דַיין שִׁידוּךְ, דוּ וַוארְטְסְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט, דוּ קוּקְסְט אַרוֹיס 'וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין חַתוּנָה הָאבְּן? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ?' און נָאכְאַלְץ הָאסְטוּ נִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ, עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ וְכוּ', דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין דִיר, עֶס אִיז דִיר אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, בְּלַייבּ שְׁטַארְק, בַּאנוּץ זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ אַ שְׁטִילֶע ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, און רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּ אִים אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, מִיט דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, רֶעד אוֹיפְן קוֹל, זָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף אַזוֹי שְׁטַארְק מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חַתוּנָה הָאבְּן, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַלֵיין, אִיךְ מוּז שׁוֹין הָאבְּן מַיין שִׁידוּךְ. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, ווִילַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ דַארְפְן זַיין אַלֵיין? אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אִיךְ בִּין פּוֹגֵם בִּבְרִית, זַיי מִיר מוֹחֵל, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, זֶע מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין וואוֹיל".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג, אוּן אַפָּאר מָאל אַ טָאג, אוּן דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן.

...

### הֶעלְף מִיר בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוֹיף פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר דִי יָאר אוֹיךְ אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסָד אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט צוּ קֶענֶען צוּגֵיין צוּם יוֹם טוֹב; הָאבְּן אוֹיסְגֶעצָאלְט אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע סַיי אִין אַמֶערִיקֶע אוּן סַיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. הֶעלְף מִיר, נֶעם צַאם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן פוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

וַוארֶעם אָן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ יֶעדֶער זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט פּוּרִים, אַלֶע זָאלְן זַיין גַבָּאֵי צְדָקָה. פּוּרִים אִיז אַ טָאג וָואס מֶען טֵיילְט צְדָקָה, אוּן אַז מֶען גֵייט אַרוּם צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה - קֶען מֶען אִינְאֵיינֶעם אוֹיסְצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל יֶעדְן טָאג רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען סוֹף טָאג אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים רֶעדְן - אִיז עֶר אַרוֹיס אִין גַאס זוּכְן אֵיינֶער מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן. מִיר דַארְפְן דָאס נָאכְטוּן, מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

...

### הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעב זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעב אִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר דַיין וַוייבּ פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע

מוֹסְדוֹת, זִי הֶעלְפְט זֵייעֶר גֶעטְרֵיי אִין אָפִּיס, מִיר אַלֶע זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִי אַרְבֶּעט וָואס זִי טוּט.

זֶע צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר פַּאר אַ צְוֵויי דְרֵיי מִינוּט בַּיי דִיר אִין פֶּעלְד, אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ. הוֹיבּ אוֹיף דַיינֶע הֶענְט צוּם הִימְל אוּן זָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר, אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער מַיין גַאנְצֶע טָאג, אַלֶעס וָואס הָאט מִיט מִיר, מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַלֶע מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, דִיבּוּרִים אוּן מַעֲשִׂים.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר דִי הַיינְטִיגֶע טָאג זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה, אִיךְ זָאל נָאר טוּן גוּטְס, אִיךְ זָאל נָאר טוּן דַיין רָצוֹן".

דִי גַאנְצֶע טָאג וֶועט דִיר גֵיין מִיט הַצְלָחָה, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אַ גְרוּס פוּן דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז זֵייעֶר וואוֹיל, עֶר אִיז עֶרְנְסְט מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין מִשְׁנָיוֹת וְעוֹד, עֶר דַאוֶוענְט עֶרְלִיךְ אוּן הָאט גוּטֶע מִדוֹת, אוֹיךְ הֶעלְפְט עֶר זֵייעֶר אִין יְשִׁיבָה.

אִיךְ הָאבּ בְּדֵעָה אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַּאר אִים, אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵּיגָא פוּן אַ גוּטֶע מִשְׁפָּחָה, מֶען דַארְף נָאךְ אַבִּיסְל וַוארְטְן. אִיךְ הָאף צוּ זַיין שַׁדְכָן בַּיי אִים אוּן בַּיי דַיינֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוֹיף נִישְׁט הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז גוּט, אַלֶעס אִיז בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט, אוּן בֶּעט אִים דַיין הַאנְט זָאל זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן.

גֶעב אַ דַאנְק פַאר דַיין וַוייבּ פַארְן הֶעלְפְן אִין בֵּית פִּיגָא; וָואס מֶען טוּט פַאר דִי מוֹסְדוֹת פוּן רֶבִּי׳ן - אִיז אַ נִצְחִיּוּת, דָאס וֶועט מֶען מִיטְנֶעמֶען.

...

**אֲשֶׁר בַּנַּחַל און עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וֶועלְן פַארְעֶנְטְפֶערְן אַלֶע סְפֵיקוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט הַנָאָה וֶוען אִיךְ זָאג דִיר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דוּ בֶּעטְסְט אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן און זָאגְן.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, לֶערְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן און פָאלְגְן אַלֶעס וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, לֶערְן אַ בַּאנְד נָאךְ אַ בַּאנְד כְּסִדְרָן, וֶועסְטוּ זֶען נִפְלָאוֹת, דַיינֶע שְׁאֵלוֹת וֶועלְן דִיר פַארְעֶנְטְפֶערְט וֶוערְן. אוֹיךְ לֶערְן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, גֵיי אִין אַ סֵדֶר, אַ בְּרִיוו נָאךְ אַ בְּרִיוו, אַלֶע דַיינֶע סְפֵיקוֹת, אַלֶע דַיינֶע בִּלְבּוּלִים, אַלֶעס וֶועט וֶוערְן פַארְעֶנְטְפֶערְט און מְסוּדָר.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר, נֶעם אַ חַבְרוּתָא, לֶערְן אָדֶער גְמָרָא אָדֶער הֲלָכָה, לֶערְן קִיצוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ. נֶעם אַ חַבְרוּתָא פַאר פוּפְצְן מִינוּט אַ טָאג, אָדֶער צְוָואנְצִיג מִינוּט; עֶס זָאל זַיין מִיט אַ קְבִיעוּת.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## יֶעדֶע זַאךְ אִין זַיין צַייט

'עֶס אִיז פּוּרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, לָאמִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם עוֹלָם, אִיךְ וֶועל נֶעמֶען מַיין גְרוֹיסֶע פּוּרִים הוּט אוּן אַרוּם לֵייגְן לִיכְט אוֹיף דֶעם, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען אִין שׁוּל, אוּן אַלֶע וֶועלְן לַאכְן, עֶס וֶועט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ'.

גֶעזָאגְט אוּן גֶעטוּן, רֶבִּי נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט גֶענוּמֶען זַיין גְרוֹיסֶע הוּט, זַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע פּוּרִים הוּט, עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעקְלֶעבְּט לִיכְט אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם עוֹלָם.

עֶר קוּמְט נָאנְט צוּם שׁוּל טְרֶעפְט עֶר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט אִים: "וָואס אִיז מִיט דִיר נַחְמָן? וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע הוּט מִיט דִי לִיכְט?" זָאגְט רֶבִּי נַחְמָן: "אִיךְ ווִיל פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז פּוּרִים", זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "מֶען גֵייט בַּאלְד זָאגְן 'עֲנֵנוּ, כִּי בַצָּרָה גְדוֹלָה אֲנַחְנוּ, הֶעלְף אוּנְז אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייל מִיר זֶענֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע צָרָה', יֶעצְט אִיז



פּוּרִים וֶועסְטוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן

נִישְׁט קַיין צַייט פַאר דִי זַאכְן, וַוארְט אוֹיף פּוּרִים, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיכֶע זַאכְן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַאוֶונֶען, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען - דַארְף מֶען אַוֶועק לֵייגְן דִי פְרֵיילִיכֶע זַאכְן, בַּיים דַאוֶונֶען דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה.

בס"ד




IDEA. 8457269664

# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

בעזהשי"ת

גרייט אייך צום יום טוב פורים
מיטן ספר "איש יהודי"
פונעם ראש ישיבה שליט"א
אויף פורים און מגילת אסתר.

עס וועט זיין צו באקומען אויף
ברסלב סענטער,
אזוי אויך אין אימעיל.
ווי אויך קען מען דאס בעטן דורך
שיקן אן אימעיל צו
maebreslev@gmail.com
א ליסטיגן און פרייליכן פורים
און א שמחת תמיד
מכון עצתו אמונה